
די העלדישע
חתנים גיבורי
חיל וואס
קענען נישט
ארויספארן
פון ארה"ק.
היימישע
חתנים
אין לאנד
ארעסט.
זיי קענען נישט קלייבן דאלערס.
מלביש ישע שיקט זיי טויזנטערס!
אשריכם השותפים!
ארום 200 העלדישע חתנים גיבורי חיל האבן חתונה יערליך א דאנק אייך.
אין טאג פון אייער שמחה • יארצייט • ביזנעס דיעל
שותף בחלוקות:
$360
שטריימל:
$1,700
סעודת חתונה:
$3,600
מאכט חתונה א חתן
א בעל מסירות נפש
קופת
מלביש ישע
קרן נישואין לגיבורי החיל
לחתנים מוסרי נפש שאינם מתייצבים ללשכת הגיוס
בהדרכת גדולי הדור שליט"א
718.682.3124

יום ד' דברים - ר"ח אב:

# יום גיוס - יום מלחמה!

## יהדות החרדית בארה"ק בראשות גדולי ומאורי הדור, מנהיגי קהלות הקודש וחברי הבד"ץ שליט"א, קומען ארויס בהמוניהם אפשטעלן דעם שמד-צוג

### ביי גרויסארטיגע מחאה פארנט פון לשכת הגיוס דורך 'אחים אנחנו'

גרויסע הוצאות געדעקט דורך פרישע 'אנשי חיל' בריינארדע בארה"ב שע"י 'אחים אנחנו'
















## בד בבד: געניטע הסברה קאמפיין דורך 'יד להושיע' וואס האט ווירקליך אפגעהאלטן פילע נשמות פון אריינפאלן לשמד

מיטארבעטער פון 'יד להושיע' שע"י 'קרן ויואל משה' זענען געשטאנען דורכאויס דעם טאג פארנט פונעם לשכת הגיוס, איבערגעבנדיג קריטישע יעוץ והדרכה פאר פילצאליגע פארפלאנטערטע בחורים









משמרות רומותינו

# טעגליכער איבערבליק
## איבער דעם שטורמישן מצב אין ארה"ק

### דינסטאג מטו"מ

ברוך מתיר אסירים! האברך ר' שלמה זלמן אנשין, וועלכער איז שוין א לענגערע צייט א דעזערטירער-עריק, און מען האט מורא געהאט ער וועט באקומען א לאנגן טערמין, איז פלוצלינג באפרייט געווארן. די חשוב'ע בני המשפחה האבן נאך קוים קוים עספיעט אנצוקומען באצייטנס צו פראווען א קבלת פנים פארנט פון תפיסה.

■

דער ראש ישיבה פון עטרת שלמה, הגרש"ב סורוצקין שליט"א, האט מודיע געווען פאר זיינע תלמידים אז ווען מען וויל ארעסטירן זאל זיך גראד פארבינדן מיט זיין סעלפאן נומער. איין נאכט, ווען מען האט געוואלט ארעסטירן א תלמיד, האט ער טאקע מקיים פסק געווען, און דער ראש ישיבה בכבודו ובעצמו האט ארייגעקלונגען צו 'צבע שחור', און די פאליציי האט געזען אז עס לוינט זיך נישט מיט אים אנצוהייבן, און דער בחור איז תיכף פריי געלאזט געווארן.

■

איז א שאק-באמבע שעדליך?! אין ירושלים נעבן בר-אילן איז געפינען געווארן א "נישט-אויפגעפלאצטע" שאק-באמבע. מען האט גערופן פאליציי, און זיי האבן אראפגעבערענגט אזעלכע מאסיווע כוחות צו נייטראליזירן די באמבע, אז עס האט אויסגעקוקט ווי מען רעדט דא פון עפעס א באמבע פון די צווייטע וועלט קריג.

אלזא, ווען עס קומט צו שיסן אויף ערליכע אידן, דעמאלט קען מען עס שיסן דירעקט צווישן מענטשן, אבער ווען עס ליגט אזוי אינמיטן די גאס, ווערט עס פלוצלינג א שוידערליכע וואפן.

■





'עריקארד'! אין די טעג ווערט צוגעענדיגט די פראצעדור פארן 'גיפט-קארד' פאר אלע עריקים, וואס וועלן באקומען א 20% הנחה אין אלע 200 אנגעשלאסענע געשעפטן. בעזה"י וועט עס שוין אנהייבן ארבעטן לקראת די ימים טובים הבעל"ט. די מאסיווע אינטערנעמונג איז געצילט עטוואס אויסצוגלייכן די געלט-סאנקציעס וואס די מדינה וויל ארויפלייגן אויף אלע עריקים ומשתמטים, א שטייגער ווי 'קופת מלבוש ישע' פאר די גיבורי חיל.

אזוי אויך האט א חרדי'שע בוי-פראיעקט געמאלדן אז זיי גיבן א הנחה פון 180,000 שקל פאר אלע עריקים, אנשטאט די געוויסע שטאטישע הנחות וואס די מדינה האט אנטזאגט פון די עריקים ומשתמטים. יא רבותי! די מלחמה אקעגן די גזירת הגיוס איז בתפילה! במלחמה! און אצינד אויך בדורן!




■

### מיטוואך מטו"מ

גרויסארטיגע מחאה פארנט פון תפיסה נומ' 10 דורך משפחת בראנשטיין, לכבודו פונעם אסיר המשפחה ר' אברהם מרדכי כהן. דער ציבור איז אנגעקומען, און וואונדער איבער וואונדער האט מען באמערקט אז די פאדערשטע צוימען זענען אפן. נו, "פתחו שערים ויבא גוי צדיק", מען איז אריין טויער לפנים מטויער און גדר לפנים מגדר, ביז מען איז אנגעקומען גאר נאנט צו די תפיסה ווענט.









אונטער זיי האט זיך נאכגעשלענגלט א שיירא פון נשים צדקניות בראשות די חשוב'ע עלטערע פרוי, די באבע פון די משפחה, אין א באזונדערן ווינקל. די פאליציי איז תיכף אנגעקומען מאכן ארדענונג און האבן פארטריבן די מענער, אבער די באבע, די צדיקת, איז יא געבליבן דארט א לענגערע צייט. די מוחים האבן פארגעזעצט מיט דרשות מחאה און קולות מיט פייפערס ובחצוצרות התרועה אשר בידם!

■

הערליכע מעמדי קבלת פנים זענען אפגעראכטן געווארן פאר הרב יצחק ראטמאן אין קהל תפארת ירושלים, און פאר הרב שלמה זלמן אנשין אין כולל קול ארי' בראשות הגה"צ מרן ראש הישיבה רבי יהושע דוד טורצין שליט"א.

■

א גרויסע הפגנה פארנט פון תפיסה נומ' 10 דורך פארווייטאגטע ספרד'ישע אידן, וועלכע בלוטיגן אויף די הפקרות יהדות ספרד דורך 'יהדות התורה', ובפרט אויפן ארעסט פון דעם חשוב'ן בחור שמעון ביטון. ביים מעמד אראנדזשירט דורך 'אחים אנחנו' האבן אויפגעטרעטן חשוב'ע ספרדישע רבנים ומקובלים שליט"א, וועלכע האבן מנהמת לבם הטהור אויסגעשריגן דעם שוידערליכן שמד וואס שפילט זיך אפ פאר די אויגן. דער ציבור האט א לענגערע צייט מוחה געווען כדת של תורה, ותעל שוועתם אל האלקים, לאמר מה בין







בני לבן חמי? ווילאנג נאך וועט די שוידערליכע נשמות-סעלעקציע אנגיין אונטער א פאלשן מאנטל פון "אין שום גיוס בעולם כלל"?

צום באמערקן אז נאך די מחאות הספרדים, האבן די פאליציי פארשטאנען אז דער טאג ביי כלא 10 איז שוין פארטיג, במילא האבן זיי נאכגעלאזט די וואַך ביים הויפט ארייגאנג. דורך דעם האט משפחת בראנשטיין געקענט זיגרייך ארייננמארשירן, און דאס איז טאקע דער ציל מיט די מחאות והפגנות: איבערצודרייען דאס פלאץ!

■

די פרייע פרעסע איז מפרסם אז 'צבע שחור' האט נדבנים, און פאר יעדן עריק וואס די פאליציי קלאפט אים אין טיר, באקומט דער באטרעפנדער א העכסט סאפיסטיקירטע קאווע מאשין אין די ווערד פון 1,000 שקלים! אומזיסט הייסט עס 'צבע שחור'? אה, פיינע שווארצע קאווע...








■

גייענדיג צום דרוק:

## לעכערליכע "חוק המעצרים" אפגעווארפן דורכן בג"ץ

ליינט איבער דעם פארגעשלאגענעם געזעץ אינעם טעגליכן איבערבליק

## משמרת חומותינו

א גרויסארטיגע אסיפת הכנה צו א מגבית רבתי פאר "עם קדוש" איז פארגעקומען ברוב פאר והדר אינערהאלב די ערליכע ליטווישע קרייזן. "עם קדוש" שטייט מיט א מסינ"פ לאורך כל הדרך, הן ביי די מחאות און ארעסטן - סיי ציווילע און סיי מיליטערישע, אא"וו. א פולשטענדיגער מלחמה אפאראט.

צום ערשט האט גערעדט הגאון ר' טובי' עהרנרייך שליט"א, ראה"כ. דערנאך יו"ר הארגון עם קדוש, הר"ר יעקב מארקאוויטש שליט"א. דברי תורה והדרכה וברכת הקודש דורך הגאון הגדול ר' צבי פרידמאן שליט"א, גאב"ד מסורת. דערנאך איז פארגעליינט געווארן א פייערדיגער מכתב חיזוק והתחייבות דורך הגאון הגדול רבי ארי' מלכיאל קאטלער שליט"א, ראש ישיבת לעיקוואד. דערנאך איז געפראוועט געווארן א סיום דורך א בחור וואס איז אינעם עבר געווען ארעסטירט, און האט גערעדט בשבח פונעם ארגאניזאציע "עם קדוש". דברים כדרבונות דורך הגה"צ ר' אבנר עפג'ין שליט"א, וועלכער האט מנהמת לבו הטהור בכאב גדול געשילדערט דעם שמד יהדות ספרד מעת קיום המדינה, און ר' אבנר האט מעיד געווען אויף די אפעקטיווקייט פון די מחאות וואס ראטעוועט טויזנטער בחורים און יונגעלייט.

עס איז ארויסגעשטעלט געווארן א ציל צו שאפן 2,800,000 מיליאן שקל, ובשם ד' נעשה ונצליח.













## דאנערשטאג מטו"מ

ברוך מתיר אסירים! האברך הרב עמרם מארקאוויטש איז פריצייטיג באפרייט געווארן פון תפיסה אן קיין געהעריגע מעלדונג פון פאראויס, כדי מען זאל זיך נישט קענען ארגאניזירן אים מקבל פנים צו זיין אינדרויסן פון תפיסה.

א פראכטפולע קבלת פנים מיט א רויטן טעפיך, מאכלי חמין וכל המסתעף לכבודו, ווערט אפגעראכטן בראשות זיינע עלטערן און זיידעס, כראוי וכיאות פארן מוסר הנפש ומקדש שם שמים

א בחור וואס זיצט שוין ליידער דאס דריטע מאל אין תפיסה נומ' 10 גיט איבער, אז יעצט ווען עס זיצן די היימישע ארעסטאנטן איז דאס גרינגסטע פון סיי ווען, ווייל די גאנצע דיסציפלין פון תפיסה איז אראפגעפאלן. דער מיטל צו האלטן ארדענונג איז געווענליך צו סטראשענען צו שיקן אין בידוד-איזאלאציע, אבער יעצט ווען עס זיצן דארט 16 חברה אינאיינעם, וואס פונקטליך איז דא צו סטראשענען? אזוי אויך די קולות המחאה פון אינדרויסן גיבן א שטארקע חיזוק פאר אלעמען.

לכבוד שבת קודש פ' מטו"מ איז געשיקט געווארן הערליכע מתנות יקרי ערך, אריינגערעכנט שיינע בעכערס, פאר די פארבליבענע ארעסטירטע פון "אסירי סאלבערג", דורכן ועד אסירי ציון, וואס האט איין ציל פאר די אויגן: ארויסצונעמען די אסירים פון תפיסה און מחזק זיין די בני המשפחה כל זמן דער טאטע זיצט נאך דארט.

הודו לד' כי טוב כי לעולם חסדו!

# אויסטערלישע סייעתא דשמיא מיט'ן באפרייאונג פון די סאמע לעצטע 'אסירי סאלבערג' אויף קומענדיגן ערב תשעה באב הבעל"ט.

## צושטאנד געקומען נאך שווערע הארעוואניע מצד 'ועד אסירי ציון' העוסקים בלי הרף

**די קורצע תפיסה-טערמינען שיקן הויפענס חיזוק פאר אלע עריקים ומשתמטים, אז מיט א ביסעלע מסירות נפש קומט מען בס"ד אפ גאנץ לייכט!**

שטייענדיג אינעם פינפטן וואך זינט מען האט ארעסטירט די 62 אסירי סאלבערג, און דערנאך אריבערגעפירט 17 עריקים אין מיליטערישע תפיסה צו ווייזן אז מען באגייט זיך ביד תקיפה מיט די עריקים פון מיליטער, שטעלט זיך אבער ארויס גאר עפעס אנדערש. אלע אסירים האבן שוין באקומען תפיסה-טערמינען, ווען די לענגסטע איז 47 טעג, וואס ענדיגט זיך שוין קומענדיגע וואך מיטוואך ואתחנן, ערב תשעה באב הבעל"ט, וואס וועט שוין האפענטליך זיין א יו"ט בביאת משיח צדקנו.

און אנשטאט די ארעסטן זאלן דערשרעקן און אנזייען א פחד ביי די עריקים, האט דאס גורם געווען פונקט דאס פארקערטע. ערשטנס האט דאס צוריק אנגעברענגט מאסיווע פראטעסטן ביים 'כלא 10' וואו די מיליטערישע ארעסטירטע זיצן; מ'איז געקומען מידי יום ביומו ומידי לילה בלילה, אזוי ווייט אז פילע פון די ארעסטירטע האט מען פריצייטיג באפרייט און גאר ארויסגעווארפן אין די פארטאגס שעה'ן, כדי דער עולם זאל נישט קומען "איבערדרייען". ומעז יצא מתוק ברוב סייעתא דשמיא!

די 17 מוסרי נפש האבן פריש געהאט די זכי' פון די '3 אסירי יאהוד' צו אויפוועקן דאס יהדות החרדית בארץ ובגולה איבער די גזירת הגיוס, און דער ציבור שטייט ב"ה וואַך, לאמר למלאך המשחית הרף!

במשך די גאנצע צייט שטייט דער 'ועד אסירי ציון' אונטער די אסירים און בד בבד אונטער די חשוב'ע משפחות זיי מחזק צו זיין, מידי שבוע בשבוע ומידי שבת בשבתו, מיט די הילף פון נדבת לבם פון אחב"י תושבי חוץ לארץ, וואס "חלק כחלק יאכלו". כלל ישראל רופט אויס צו די שלוחי ציבור: אשריכם שזכיתם לכך לקדש שם שמים, ויהי חלקנו עמכם! ד' עמכם גיבורי החיל! עריק גאה!

ליינט די אויספירליכע באריכטן אין דעם 'טעגליכער איבערבליק'.

משמרת חומותינו

אין די זעלבע צייט גרייט מען זיך ארויסצוגעבן א רייכן גליון לקראת דעם מגבית לטובת ועד אסירי ציון. טראץ דעם וואס עס האט געדארפט ערשיינען לקראת שבת פ' מטו"מ, האט מען דאס פשוט נישט עספיעט ארויסצוגעבן צוליב די איבערפלוס פון די טאג-טעגליכע ווירטשאפט אינערהאלב דעם ועד מיט די אסירים מדי יום ביומו ומדי שעה. למעשה האט מען דאס ארויסגעגעבן אנפאנג וואך פ' דברים, און עס האט ארויסגערופן א געוואלדיגע אינטערעסע און געמאכט א געוואלדיגן רושם, אזש מען האט עס עטליכע מאל געדארפט איבערדרוקן. כה לחי!





העסקן ר' יחזקאל לב בעבודת הקודש בשחרור אסירי מערכות הקודש

העסקן ר' אשר פריימן בעבודת הקודש בשחרור אסירי ציון

העסקן ר' שמואל ווייספיש בעבודת הקודש

לא מבקש כסף מאף אחד.

אנחנו בסך הכל שלוחי ציבור, שעושים עבודת קודש למען הציבור במסירות נפש, פשוטו כמשמעו. כדי שכולנו נוכל להמשיך לגדל את ילדינו על התורה ועל העבודה בקדושה ובטהרה.

כשלוחי ציבור, תפקידנו לבוא ולומר לציבור: "מורי ורבותי - מיר קענען נישט מער ממשיך זיין אזוי!" אם אתם מעוניינים שוועד אסירי ציון ימשיך לפעול - זה מה שצריך לעשות. ביום רביעי הבעל"ט, הציבור יאמר את דברו. אם ירצה שנמשיך לעשות, הוא ייתן לנו את האפשרות, אם לא, ח"ו, אני לא רוצה אפילו לחשוב מה שיקרה כאן...

אבל, באמת אסור אפילו להעלות אפשרות כזו על דל רעיוננו. אין לי כל ספק, שהציבור מבין את המשמעות, והוא יעשה ככל שביכולתו כדי שהוועד יוכל להמשיך בעבודת הקודש. ואף להגדילה ולהאדירה עוד ועוד.

יש כאן נקודה נוספת, לא פעם אנחנו שומעים מאנשים רבים, בעיקר מהמבוגרים שבינינו, את ההערכה וההערצה ללוחמי מלחמת ה' צבקות, שמוסרים את נפשם בהפגנות ובמחאות. כעת, יש להם הזדמנות מצויינת לקחת חלק ולהיות שותפים מלאים במלחמת אש-דת, לשמירת היהדות החרדית.

**אולי אפשר במקום זה, לצמצם פעילות?**

את מה נוריד?

כל חלק במערך הזה הוא קריטי להמשך המערכה, כפי שהסברנו. אין פה שום דבר שאפשר לוותר עליו.

הלא ברור שפעילות הוועד היא הבסיס שבזכותה היהדות החרדית הנאמנה יכולה להמשיך בהפגנות ובמחאות, ולעצור בעד המשחית, בדרך שקיבלנו מרבותינו מצוקי ארץ, וכיום, כולי עלמא מודו, גם החרדים, גם החילונים, ואפילו הקיצונים שבחילונים, נקטו בדרך זו. כי זו הדרך היחידה לעצור בעד השלטון המשחית, שרוצה לבלעינו.

**איך זה יעבוד בפועל, איך תגיעו לכל ציבור יראי ה'?**

אכן, מדובר במשימה לא פשוטה, ולכן, בעזה"ה **ביום רביעי הבעל"ט יתקיים אי"ה מעמד נדיר ומיוחד "בוני המבצר"** בו יתכנסו כאלף אנשי חיל, יראי ה', לכינוס שכל כולו לשם שמים.

במהלך הכינוס הזה ייחשפו חומרים רגישים ומסווגים ביותר, דברים שאי אפשר לפרסם, מסיבות מובנות. ולכן הכניסה לכינוס תהיה אך ורק באמצעות "כרטיס כניסה" שיימסרו למוזמנים, ע"י שגרירי הוועד בכל קהילות הקודש.

כמו כן, תיערך שם תערוכת צילומים נדירה ומיוחדת לסיכום עשור שלם של פעילות בשלל מערכות הקודש על קדושת המחנה בארה"ק. לצד מיצגים אומנותיים מרגשים ומיוחדים. עדויות אישיות מרטיטות מכלי ראשון ועוד.

במהלך הכנס יוצג תכנית "מן המיצר אל המבצר" - להקמת בסיס איתן למען היהדות החרדית בארה"ק.

המעוניינים להשתתף בכינוס המיוחד מתבקשים לפנות לשגרירי הקהילות המתפרסמים בגיליון זה, או לקו המידע בטל 02-3766-202

א אב. מקימים בסיס איתן לעתיד היהדות החרדית
לְמַעֲנֵנוּ וּלְמַעַן דּוֹרוֹתֵינוּ

א באדייטנפולע משמורת מחאה - פיקעטינג איז פארגעקומען פארנט פונעם ציוניסטישן קאנסולאט דורך א געקליבענע צאל יונגעלייט, צו דעמאנסטרירן קעגן די אנגייענדיגע רדיפת הדת אין ארה"ק. און ווי די עסקנים גיבן איבער, האט דאס געשאפן א געוואלדיגן רושם, ווייל די מדינה האט שוין מיט א לאנגע צייט צוריק געשאפן אן אפמאך מיט די פאליציי אז הגם ס'איז לעגאל צו פראטעסטירן אין אמעריקע, אבער היות עס איז אמאל פארגעקומען א ווילדע אראבישע דעמאנסטראציע קעגן דעם קאנסול, זאל מען קיינמאל נישט מעגן פראטעסטירן אויפן זעלבן גאס פונעם קאנסולאט, אפילו ווען עס איז א פרידליכע פראטעסט דורך אחינו בני ישראל. אזוי, מיטן תירוץ פון "סעיפטי", לאזן זיי מער נישט גיין אויף יענעם גאס. אבער א פיקעטינג, וואס איז בלויז א "פראטעסט מארש", מעג יא לויטן געזעץ אריבערגיין פארנט פונעם בנין.

# מן המצר קראתי!

# מאסיווע געלט קאמפיין "מן המצר אל המבצר" לטובת דעם באַרימטן "ועד אסירי ציון"

## היינטיגן מיטוואך און דאנערשטאג פר' דברים - צו אויפטרייבן ריזיגע סכומים צו קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש











## זונטאג דברים

ברוך מתיר אסירים! מיט שמחה נעמט מען אויף דעם חשובן אסיר ציון, הר"ר משה העללער שליט"א, וואס איז באפרייט געווארן פון תפיסה. לכתחילה האט מען גאר שטארק מורא געהאט אז מען וועט אים געבן א לאנגן טערמין, אבער נאך תפלות ישראל און אינעם כח פון מסירות נפש, האט זיך ב"ה אויסגעצאלט די גאר גאר שווערע הארעוואניע און ר' משה, מן המים משיתהו! איז באפרייט געווארן לשמחת לב היהדות החרדית!

ביי תפיסה נומ' 10 קומען כסדר פאר מחאות והפגנות במוצאי שבתות, סיי דורך פארשידענע חבורות און קהילות וואס קומען לחזק בני קהילתם, און סיי די וואס פראוועןן שבתים אין די געגנטער ארום די תפיסה, מאכן עס פאר איינע פון זייערע סטאנציעס אפצושטייגן ביי תפיסה נומ' 10 און מוחה זיין כדת של תורה.

"שמירה עליונה", וואס איז געשטעלט מטעם קרן ויוא"מ, צו מפקח זיין אויף פרסומים פון חרדי'שע אפטיילונגען ווי "קדקוד - מעלות צור", גיט איבער אז דער הויפט מנהל פון קדקוד אין די שטאט אלעד האט אפיציעל אויפגעגעבן זיין אמט. עס איז נישט קלאר צי ער איז טאקע אראפ פון אמט אדער ער וויל בלויז אז די מחאות זאלן זיך אויפהערן, אבער איין זאך איז זיכער: די אנגייענדע פעולות האבן א ווייטגרייכנדן רושם.

אין א שמועס פון רתפיסה:

# מאמע זארג נישט! די מאה שערים חברה זענען דא!

הר"ר עמרם מארקאוויטש דערציילט ווי אין תפיסה האט ער געהערט ווי א ספרד'ישער בחור רעדט צו זיין מאמע און בארואיגט איר. אויף איר שאלה צי ער גייט זיך האלטן שטארק און נישט אריינפאלן אינעם צבא השמד, ווען איר ערליך אידיש הארץ צאפלט פאר שרעק צי איר זון גייט זיך ח"ו שמד'ן אדער נישט, האט דער בחור איר העכסט בארואיגט און געזאגט: "מאמע, זארג נישט, איך וועל נישט אריינפאלן אין צבא השמד, ווייל די מאה שערים חברה זענען דא אין תפיסה. דער מצב איז גוט, און איך וועל זיך קענען האלטן שטארק."

בס"ד וועט מען ווייטער שטיין על המשמר אז די אומשולדיג-אויסזעענדיגע מיליטערישע אפטיילונגען מיט זייערע מסיתים ומדיחים זאלן נישט קענען ווייטער אנגיין מיט דעם שמד-צוג.

■

ועד אסירי ציון האט געגומען די נשים צדקניות פון די פארבליבענע אסירים, אויף מעמדי תפילה אין מירון און אין ירושלים, וואו מען האט קורע געווען שערי שמים פאר די באפרייאונג פון די פארבליבענע אסירים. ב"ה, תיכף נאכן מתפלל זיין, האט מען געהערט די פריילעכע בשורה איבער די באפרייאונג פון הרב משה העללער שליט"א. באזונדער האט מען אינזינען געהאט די נעמען פון די חשוב'ע נדבנים שליט"א פון חוץ לארץ וואס האבן אויסגעצאלט די אלע הוצאות, וחלק היוצא למלחמה כחלק היושב על הכלים.

■

## מאנטאג דברים

א תמימות'דיגער ספרדישער אינגערמאן וואס איז געקומען זיך שטעלן אין לשכת הגיוס, ווי אין די אלטע - גוטע? - צייטן, איז ליידער ארעסטירט געווארן, און איז אפגעהאלטן געווארן דורך די רשעות'דיגע אינסטאנצן פון זיינע הייליגע תפילין. 'קרן ויואל משה - הצלה מגיוס' האט זיך תיכף אריינגעלייגט אין די קעיס, און געגעבן ווי ביי יעדן עריק, משתמט אדער סתם אסיר גיוס - וואו זיי באגלייטן דעם בחור פונעם "צו גיוס" ביזן ערהאלטן דעם "פטור" מיט אלע פרטים אינדערמיט - האבן זיי גאר שווער געארבעט און מיט גרויס סייעתא דשמיא באוויזן ארייצושיקן די תפילין.

■

די מערכה אין בר-אילן זעצט פאר מיטן גאנצן ברען און אימפעט, ווען יעדן טאג קומען ארויס קהילות הקודש. די לעצטע וואך האט מען געהאט די זכי' אז די קהילות פון בוהוש, תורה ויראה, נחלי דעת ברסלב, ועוד ועוד, האבן אנטיילגענומען.

אין די זעלבע צייט פאלגט מען נאך מיט אנגסט דעם ארעסט פון א חשובן אמעריקאנער בחור, אברהם יצחק בן ברכה בריינדל כהן, וועלכער איז ארעסטירט געווארן מיט צוויי וואכן צוריק, און מ'וויל ארויפשמירן אויף אים אן עלילת שוא, און מיט דעם תירוץ האלט מען אים שוין ארעסטירט די גאנצע צייט. דערוויייל איז זיין ארעסט פארלענגערט געווארן ביז קומענדיגן פרייטאג פ' דברים. דער ועד אסירי ציון ארבעט אויף אלע פראנט צו באפרייען דעם בחור. העתירו אל ה' בחזקה שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

■

עס ווערט ארעסטירט א בחור, אן אייניקל פון ראש ישיבת צאנז וואס איז אויך א פלימעניק פון האדמו"ר מצאנז-נתניה. ער האט באקומען אן אורטייל פון 20 טעג תפיסה.

אזוי אויך איז א גור'ער אינגערמאן ארעסטירט געווארן, און נאך א סטראשע אז קהילת גור קומט נאכאמאל צו די תפיסה מוחה זיין האט מען אים תיכף באפרייט.

■

אין ירושלים עיה"ק וברחבי העולם ווערט אפגעהאלטן יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל זי"ע ועיכ"א מרן השערי טובי' וואס הוא הגבר אשר אמרו בצלו נחיה בגוים", און תחת דגלו והדרכתו איז עטאבלירט געווארן די מלחמת חרמה וואס דאס יהדות החרדית האט אויפגענומען על משמר עתיד היהדות בגזירות על הדת, גיוס, חינוך, חיטוטי שכבי, ועוד. גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם, און מען איז מתפלל אז מה כאן עמד ומשמש אויפן כסא הרבנות פון די שרפי מעלה וקדושי עליון, אף שם יעורר רחמים עלינו עד שנזכה כולנו לביגו"צ, בב"א.

■

## דינסטאג דברים

מטעם די יהדות התורה פארטיי ווערט געמאלדן, אז עס איז זיי געלונגען אריבערצופירן דעם "חוק המעצרים", וואס דאס מיינט אז מען וועט נישט ארעסטירן קיין בני ישיבות די קומענדיגע 4 חדשים. אבער דאס מיינט אויך: 1) אז ווער עס איז נישט קיין בן ישיבה וועט ווייטער ארעסטירט ווערן, מיט 'רשות' פון די חברי הכנסת. 2) עס וועט זיין א רשות כניסה פאר רעגירונג אינספעקטארס אין די ישיבות, זיכער צו מאכן אז בלויז לומדי תורה האלטן זיך דארט אויף. 3) אין 4 חדשים קען דער בג"ץ פסל'ן דעם געזעץ.

ווי פארשטענדליך פון זיך אליינס, און ווי מען קען זען קלאר, איז דער ציל פונעם געזעץ בלויז איין זאך: אז ביי די קומענדיגע בחירות זאל זיין א גוטער תירוץ פארוואס צו וועלן פאר אגודה-דגל-ש"ס. איי, מען האט גארנישט געטון די לעצטע 4 יאר לטובת די 'אייגענע' וויילער? אט האט איר, 4 חדשים האט מען נישט ארעסטירט!

און עס איז אפילו נישט זיכער אז די מיליטערישע פאליציי גייען עס איינהאלטן, עס איז פונקט גענוג אז מען וועט זאגן! וכדי בזיון וקצף!

די עצה קוקט אויס ווי פון פרעה הרשע אליין, ווי עס שטייט אין פסוק "ותצפנהו לשלשה ירחים" - דריי חדשים האט מען זיך נאך געקענט באהאלטן ווייל עס איז געווען פאר די וואלן, אבער דערנאך "ולא יכלה עוד הצפינו" - ווייל עס איז געווען "ויקם מלך חדש" נאך די בחירות...

אבער דאס יהדות החרדית וואס באקעמפט גיוס "בנים" און נישט דוקא "בני ישיבות", וועלן ווייטער לוחם זיין אויף יעדן ארעסט נישט קיין חילוק ווער. עד לביטולה של רוע הגזירה.

■

אצינד דינסטאג פ' דברים איז שוין ב"ה הר"ר אברהם מרדכי כהן אויך באפרייט געווארן, און לעת עתה איז נאר געבליבן בלויז 3 אסירים פון די "אסירי סאלבערג": הרב מנחם פרידמאן, הרה"ג נתן יהודה שענבערגער, און הר"ר משה חיים ליפשיץ. ווי עס הייסט איצט, וועלן זיי בסייעתא דשמיא ארויסגיין גאר אינגיכן, לשמחת לבם של היהדות החרדית.


דער שוידערלי




איינע פון די שווידערליכע מעשיות וואס איז אנגעקומען צו "הצלה לאחים" שע"י קרן ויואל משה - הצלה מגיוס

**מעשה שהיה.**
מינדערוויכטיגע פרטים געטוישט.

**ד. שטיין**

"דו זעסט מיר אויס עפעס פריילך." איך האב געקוקט אויף שמעון וואס איז אריינגעקומען אין שטוב מיט שיינענדיגע אויגן, פרובירנדיג ארויסהאבן וואס עס ליגט אינטער דעם.

"גערעכט," ער האט נישט געלייקנט, "איך האב שוין ארבעט."

"מיינסט עס ערנסט?" אזויפיל האבן מיר פרובירט צו פרעגן און זוכן, אבער דערווייל האט זיך נאכנישט געטראפן קיין פאסיגע זאך.

טיף אין הארצן האבן מיר זיך ביידע געפריידט. יעדע טאג לענגער וואס ער קען גיין אין כולל איז ווי געווינען די לאטערי. ער שטייגט דארט אזויפיל. אך, הלוואי זאל ער קענען בלייבן לערנען פאר אייביג.

אבער וואס זאל מען טון אז ס'איז דא א לענדלארד וואס פאדערט רענט. די גראסערי גיט נישט אומזיסט. און אויך וואלוי און סימי באקומען נישט קיין חינוך אן שכר לימוד.

איך האב פרובירט אים צו העלפן וויפיל איך קען, אבער ס'איז געקומען א טאג וואס איך האב געזען אז איך מוז אויפגעבן. אפילו איך וועל ארבעטן, און אסאך, וועל איך נישט קענען דעקן אונזער לעבן. אויסער דעם, וואלווי און סימי דארפן אויך א מאמע, מיינע וועש דארפן פערצופאל אויך געוואשן ווערן, און עסן פאדערט זיך אויך אין אונזער הויז.

וועט שמעון ארויסגיין. ער וועט בלייבן מיט א קביעות'דיגן שיעור, אפשר אויך מיט א חברותא פארן דאווענען.

נישט גרינג איז אונז אנגעקומען דאס צו באשליסן, און מיר האבן עס נישט געטון אליין. שמעון איז אריין פרעגן זיין מורה הוראה, און איז ארויסגעקומען זייער קלאר אז דאס איז וואס ער דארף יעצט טון.

נאכדעם זענען מיר אריין אין א מסכתא פון זוכן ארבעט. זייער א נישט גרינגע פעלד, בפרט פאר אזא אפגעהיטענעם חסידישן יונגערמאן וואס האט געוואלט אמת'דיג א ריינע און כשר'ע פלאץ.

"איז, וואס זאגסטו? האסט געטראפן ארבעט?"

"מיין חבר שלומי האט מיר גערופן. ער איז שוין דארטן, און ער וויל מיר אויך געבן די געלעגנהייט צו אנקומען צו א ריינע, לוינבארע ארבעט."

"פון וואס רעדט זיך עס?" מיין נייגער איז געווען אנגעצינדן אויפן העכסטן גראד.

"בוך האלטעריי."

"קענסט עס?" מיין מאן האט א גוטן קאפ, ער האט אבער קיינמאל נישט געלערנט די זאכן.

"ניין, אבער דאס איז די געוואלדיגע מעלה פון די ארבעט. ס'הערט זיך פאנטאסטיש, אבער הער מיר אויס, שלומי איז שוין דארטן, ער באקומט שוין דאס אלעס."

"וואס?" כ'האב געמיינט אז דא אין ארץ ישראל איז נישטא קיין פינאנציעלע מעגליכקייטן.

"ס'איז נישט פונקט אן ארבעט. ס'איז א קורס. מען לערנט דעם פאך זייער גרונטליך, און אינמיטן לערנען פראקטיצירט מען ביי די קאמפאני. אזוי, אז מען קומט ארויס נאך צוויי יאר מיט א תעודה אין האנט און צוויי יאר פראקטיק."

"אה."

"ווארט, אבער דאס איז נאר דער אנהויב. די מעלה פון דעם פלאץ איז, אז וויבאלד מען הויבט גלייך אן ארבעטן, באקומט מען אויך א געהאלט - גלייך פון אנהויב."

"מיינסט עס ערנסט?" ס'איז דאך אזא געוואלדיגע לייזונג צום פראבלעם. ער האט געוואלט געבן א לערן עפעס אין א פריוואטן קורס צו קענען ארבעטן אין א לוינבארע ארבעט, אבער מיר האבן זיך געבראכן קאפ וואס מען גייט טון אין די צייט וואס ער לערנט, וויאזוי מיר וועלן דעמאלט אויסהאלטן אונזער שטוב. אבער אזוי? עס איז גאלד!

"ביסט זיכער אז ס'איז נאך דא פלאץ זיך צו פארשרייבן ביי דעם קורס?" מיין הויט האט אנגעהויבן ברענען.

געווענליך וואלט מיר געווען שווער צו גלייבן אז אזא זאך קען זיין אמת, אבער ער זאגט אז זיין חבר שלומי איז דארטן. כ'קען זיין ווייב פון די קהילה. שרי. א זיסע איידעלע ווייבל. אויב אזוי, לוינט אים באמת וואס שנעלער אריינצוגיין אין דעם פראיעקט.

"איך דארף זיך טאקע צויאגן. כ'וועל זיי נאך היינט שיקן אן אימעיל."

ער איז ארויסגעגאנגען. איך בין געווען גליקלעך. ברוך ה'. ס'איז טאקע נישט פשוט צו טון אזא שריט, אפלאזן די כולל. אבער כאטש גייט מען אויף א געלונגענע זאך. לכאורה, נאך וואס ער וועט האבן דעם פאך גוט אין די הענט, וועט ער נישט דארפן ארבעטן א גאנצן טאג. ס'וועט אים נאך בלייבן צייט פאר א סדר אין כולל.

אויפמארגן האב איך באקומען א טעלעפאן קאל.

"העלא, א גוטן, דא רעדט הדסה שטערנבוך." אן איידעלע זיסע קול.

"יא?"

"דיין מאן האט זיך פארשריבן ביי אונז, ער האט אריינגעלייגט אויך דיין נומער. איך האב דיר געוואלט זאגן אז ענק האבן אויסגעוועלט די בעסטע זאך פאר אייער לעבן."

"ברוך ה'." איך האב אויך געפילט אז מיר האבן געחתמ'ט אונזער לעבנס-דיעל.

"אויב דו האסט שאלות, בין איך דא פאר דיר." זי האט מיר געגעבן די גאנצע ברייטקייט, רעדנדיג מיט אזא רואיגן חסידישן טאן. ס'האט מיר געמאכט גוט אויפן הארצן. אויב אזא איינע ווי הדסה איז זייער סעקרעטארין הערט זיך עס טאקע גוט.

איך האב געהאט עטליכע שאלות, און זי האט אלעס געענטפערט פליסיג און געשמאק.

גלייך נאכן ענדיגן רעדן מיט איר האב איך גערופן שמעון, נאך מער גליקליך מיט אונזער באשלוס. ער האט זיך צוגעהערט קאנצענטרירט צו אלעס וואס איך האב אים געזאגט, און באשטעטיגט דעם מארגנדיגן טאג אריינצוגיין חתמ'ענען. שלומי האט אים געשטיפט, זאגנדיג אז זיין פלאץ וועט נישט בלייבן פריי אויף אייביג.

נאכן עסן פרישטאג איז שמעון געגאנגען צו די 'קודקוד' אפיסעס, געחתמ'ט, און געווארן א טייל פון זיי.

*

## ער איז נישט צו דערקענען...

"שמעון, ענדליך! וואו ביסטו געווען ביז יעצט? פארוואס ענטפערסטו נישט קיין פאון קאלס?"

איך האב נישט ליב געהאט מיין טאן. נישט אזוי רעדט מען צו א מאן וואס קומט אהיים עלף אזייגער ביינאכט נאכן ארויסגיין זיבן אינדערפרי. איך האב זיך אבער נישט געקענט איינהאלטן. ער איז טאקע אויסגעמוטשעט, אבער איך בין געווען דא אליין א גאנצן טאג מיט סימי און וואלווי. זיי האבן געמוטשעט, זיי דארפן אויך א טאטע, נישט נאר א מאמע.

לעצטנס האבן זיי נישט ביידע.

שמעון איז עפעס נישט ---- כ'קען נישט ערקלערן וואס ס'טוט זיך מיט אים, אבער עפעס טויג נישט. ער איז פארלאשן, פארווייטאגט, קאלט. רוב טאג ענטפערט ער נישט קיין קאלס, און ווען יא, רעדט ער טעכניש און שנעל, און לייגט אראפ נאך איידער איך יאג אן צו זאגן וואס איך וויל.

"שמעון?" איך בין אים נאכגעגאנגען צום קאך.

ער האט גענומען א גלאז, אנגעפילט וואסער, און געגעבן א שלונג אראפ נאך א שנעלע פארכאפטע ברכה. איך האב זיך פארהוילן פון דעם, כאטש עס האט נאך מער אנגעצינדן דעם רויטן לעמפל. שמעון פלעגט מאכן ברכות אזוי הערליך. איך האב זיך אייביג פארשעמט פאר אים. וואס איז יעצט געשען?



"ווילסט עסן עפעס?"

"עס איז גוט, איך האב געגעסן ביי דער ארבעט."

אפילו עסן שטעלט מען זיי דארט צו, פרישטאג, מיטאג און נאכטמאל. דאס איז עפעס אויף וואס מיר האבן זיך נישט געראכטן. מיר האבן זיך אבער אויך נישט פארגעשטעלט אז מען גייט דארפן זיין דארט א גאנצן טאג, כמעט אן אהיימקומען, אן קענען זיין א טאטע, א מאן.

"וויאזוי גייט דיין לערנען? דו רוקסט זיך פאראויס?" כאטש זאלן זיך שוין די צוויי יאר ענדיגן, און מיר וועלן צוריקבאקומען אונזער לעבן.

שמעון האט נישט געענטפערט.

"שמעון?" טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן. איך ווארט און ווארט, און ער קומט אהיים א שוויגנדיגער, פארביטערטער באשעפעניש.

ער האט זיך אויסגעדרייט צו מיר. געגעבן אן הויב אויף זיין בליק. א שוידער איז מיר דורכגעלאפן דעם גאנצן רוקנביין. מיר כמעט אומגעווארפן. וואס איז דאס? פון וואו קומען די אקעאנען פון ווייטאג און טרויער? וואס איז אים געשען?

ער איז אריין אין שלאף-צימער. איך בין אים ווייטער נאכגעגאנגען. איך האב זיך געפילט אזוי מאדנע, אזוי שלעכט. כ'האב קיינמאל נישט געדארפט נאכלויפן מיין מאן צו באקומען עפעס א באציאונג.

ביז איך בין אנגעקומען אין צימער, איז שוין דער לעקטער געווען פארלאשן. ער איז געלעגן אין בעט, באגראבן אינטער זיין דעקע.

אן קריאת שמע. אן נעגל וואסער.

מיר איז נישט געבליבן קיין אנדערע ברירה, נאר אריינצופאלן אין מיין בעט און אויסשיסן אין אן אומבאהערשנדן פארלוירענעם געוויין.

וואס געשעט דא? וואס פאסירט צו מיין מאן? צו מיין שטוב?

*

## דער ביטערער אמת...

מיר זענען געגאנגען צוזאמען.

איך. שמעון. סימי און וואלווי האבן אנגעכאפט זיינע הענט מיט די גרעסטע שטארקקייט, עס נישט ארויסצולאזן. ווען האבן זיי לעצט געהאט

די געלעגנהייט צו שפאצירן מיט זייער טאטן? שוין זייער לאנג נישט.

ווען מען האט געענדיגט דעם שנעלן אפגעכאפטן שבת סעודה, האב איך זיך פשוט געשטעלט אויף דעם. מען גייט ארויס. א נארמאלער קידוש איז דא נישט געווען, זמירות איז אפגעזאגט געווארן. וואס ס'גייט פאר ווייס איך נישט, אבער כאטש זאל אונזער קליינע משפחה ארויסגיין שפאצירן אביסל און כאפן פרישע לופט.

"טאטי, דערציילט די פרשה," האט וואלווי געשלעפט זיין האנט שטערקער. "טאטי --- טאטי ---"

"וועלכע פרשה איז די וואך?" די פראגע איז געשיקט געווארן צו מיר. גלייך נאכדעם האט א טונקעלע רויטקייט אפגעפארבט זיין געזיכט.

איך האב זיך געוואלט אויסציען אויף דער ערד אינמיטן גאס.

שמעון, דער תלמיד חכם, פרעגט מיר וועלכע פרשה ס'גייט די וואך?

וואס טוט זיך דא? טאטע ---- ביז וואו איז ער אנגעקומען? פארוואס קומט ער אן דארטן? ער לערנט דאך אזא תמימות'דיגן פאך, אביסל נומערן און טעכניקס. זיין חבר שלומי האט אים אהין געראפן, אן ערליכער יונגערמאן פון אונזער קהילה. פארוואס דארף דאס געשען ווען מען לאזט אפ די כולל? פארוואס?

"העי, א סאלדאט!" וואלווי האט זיך אפגעשטעלט און געקוקט אויף א בחור מיט גרינע קליידער וואס איז אריבערגעגאנגען נעבן אונז. "מען טאר נישט זיין א סאלדאט, זיי פאלגן נישט דעם אויבערשטן," האט ער געזאגט מיט מבינות.

איך האב אים געגעבן א קניפ אין בעקל.

איך האב נישט באמערקט שמעון'ס אויגן, זיי האבן געוואלט איינשלינגען מיר און אים צוזאמען.

"איך בין אויך א סאלדאט," האט ער זיך געגעבן א רוף אן.

איך האב אים אנגעקוקט מיט א האלבן שמייכל. א נייע סארט קאמעדיע.

"מיר זענען אלע סאלדאטן פארן באשעפער," האב איך צוגעלייגט הויך, וואלווי און סימי זאלן הערן.

"איך בין באמת א סאלדאט." צוויי שווארצע אויגן האבן געקוקט צו מיר, טיפע און פארוויייטאגטע.

"איך פארשטיי נישט וואס דו רעדסט," האב איך זיך אפגעשטעלט. איך האב נישט געקענט גיין ווייטער.

"איך בין א סאלדאט אין צה"ל," ער האט זיך אויך אפגעשטעלט, זיינע אקסלען זענען איינגעפאלן.

"איך פארשטיי נישט וואס דו רעדסט," האב איך איבערגעחזר'ט מיינע ווערטער ווי א ראבאט.

"פונקט אזוי ווי דו הערסט. איך טראג נישט קיין גרינע קליידער, אבער אויסער דעם בין איך א געהעריגער סאלדאט. איך האב איבער מיר אן אפיציר, מיר לערנען זיך דורכצופירן מיליטערישע אקציעס, שיסן, און אלעס ארום. מיינסט אז סתם אזוי קען איך נישט רעדן מיט דיר געהעריג? איך געהער צו זיי. כ'קען נישט טון וואס איך וויל אדער גיין וואו איך וויל. אויב איך טו עפעס אנדערש ווי די שטרענגע מיליטערישע פארשריפטן בין איך אין מיליטערישע תפיסה. פארשטייסט?"

"ניין. ניין. ניין," האב איך געמורמלט שטיל, אבער אין מיינע אייגענע אויערן האט זיך עס געהערט ווי א דונערדיגער געשריי.

איך האב געקוקט אויף מיין מאן. זיכער האלט איך אינמיטן א בייזן חלום. א מאדנע. באלד גיי איך זיך אויפוועקן און דערציילן פאר שמעון וואס ער האט מיר געזאגט.

מיר וועלן ביידע לאכן, לאכן, און לאכן.

וואלווי האט מיר געשלעפט די האנט. איך





האב עס געפילט. כ'האב זיך נישט אויפגעוועקט.

און מיר ביידע זענען געווען ווייט פון לאכן – אזוי ווייט ווי א חסידישער מאן איז פון מיליטער. און דא --- דא קומט ער מיר זאגן אז ער דינט דארטן?

"וויאזוי קען עס זיין? וואס טוט זיך דא?"

"גלייב מיר, איך גלייב עס נאכאלץ נישט. איך זאג דיר די ווערטער און איך וויל זיך ציפן. כ'וויל גלייבן אז ס'איז א חלום."

אויך ער האפט אז ס'איז א חלום? אבער אויב צווי חלומען, איז א סימן אז ס'איז א מציאות. א מציאות אז מיין מאן ---

מיין הייליגער, לויטערער, לעכטיגער שמעון איז אין מיליטער?

דאס שמוציגסטע פלאץ אין דער וועלט? די מיליטער וואס איז מורד במלכות שמים מיט זייער עצם קיום?

"איך בין געקומען צו די ארבעט אין 'קודקוד', אין אפיס. איך אנהויב האט מען געלערנט, אבער אזוי צוביסלעך, אן כאפן וואס עס געשעט, האב איך זיך געטראפן א סאלדאט --- איך האב זיך געטראפן גיין איינשווערן געטריישאפט. כ'האב געמיינט אז צו דער ארבעט, און פלוצלינג כאפ איך אז ניין, איך בין פשוט אריין אין מיליטער. און מיין חתימה איז אויף אלע בלעטער. זיי זאגן אז איך בין אריין ברצון."

"וואס ברצון?! צו קודקוד ביסטו אריין ברצון, נישט אין מיליטער!"

"קודקוד איז מיליטער." זיין שטימע איז געווען שטיל. זיין שטימע האט זיך אבער אויך געהערט הויך און שטורעמיש, מיט א שטארקקייט וואס וואלט געקענט צוברעכן א בארג פון אייזן.

"וואס מיליטער?" ס'האט זיך מיר נישט געהערט לאגיש.

"מיליטער. פשוט אן אנדערער נאמען." א גלייכגילטיגקייט פון א געווייסן יאוש.

"און שלומי?" איך האב זיך פרובירט אנכאפן אין דעם איינציגן דינעם פאדעם.

"שלומי איז אויך א סאלדאט."

"שלומי?" איך האב געוואלט וויינען, שרייען.

וויאזוי קען עס זיין? ווער האט דא אויסגעבויט די געפערליכע נעץ, דעם אפענעם חוצפה'דיגן שקר?

און מיין מאן, ער איז אריינגעפאלן דארטן. אן כאפן אפילו. צוויי סמעטענע חסידישע יונגלייט פון כולל, אינעם טריפענעם שמעלץ-טאפ?

איך האב געטראכט פון שרי, די זיסע און איידעלע. כ'האב געטראכט פון איר שלום, דער זיסער דריי-יעריגער אינגל וואס מען האט אים יעצט געמאכט פיאות. ער --- ער האט א טאטע

--- א סאלדאט? און שרי --- איר מאן? בררררר...

און וואס ביסטו, נחמי זיסער? וואס? דיין מאן איז אויך א סאלדאט. און אויך דיין הייליגער וואלווי האט א טאטע וואס איז דארטן.

ניין ---!

איך האב אנגעכאפט וואלווי'ס קליינע ווארימע האנט. עס אריינגעדריקט אין מיר. כ'האב געוואלט פראטעסטירן מיט אים אין די גאסן, אויסשרייען א הילכיגן "געוואלד!".

עס קען נישט זיין! עס קען נישט זיין ---- ניין, טאטע ----

וואס טוט זיך דא? וויאזוי קען זיין אז די וועלט ווערט חרוב און ס'שטייט? וויאזוי?

*

## "ש--ב--ת!!!"

"מאמי, וואס איז דאס?"

סימי און וואלווי זענען געשטאנען ביי מיין בעט, זייערע פנימער בלאס.

"אה, א סירענע." איך האב זיך אינגאנצן אויפגעכאפט און זיך געוואשן די הענט.

"אבער מאמי, מארגן איז אונזער פורים מסיבה, איך וויל נישט קיין מלחמה," האט סימי געזאגט באזארגט.

איך וויל אויך נישט. "קומטס קינדער, לאמיר זאגן א קאפיטל תהילים."

שמעון איז גוט געשלאפן, די סירענע האט אים נישט אויפגעוועקט. ער ארבעט א גאנצע וואך אזוי שווער, און שבת --- שבת שלאפט ער. א גאנצע צייט. קוים קוים דאווענט ער. רוב מאל אינדערהיים. די סעודות ענדיגט ער שנעל אפ און גייט גלייך צוריק אין בעט.

אן האסטיגער פייף פונעם לעדל נעבן מיר.

"נאך א סירענע?"

"ס'איז נישט קיין סירענע."

ס'איז שמעון'ס פארבינדונגס-מאשין. איך קען דעם פייף פון די איינצעלע מאלן וואס ס'האט געקלינגען ווען שמעון איז געווען אינדערהיים. אבער יעצט איז שבת, ער מעג זיי סיווי נישט ענטפערן.

אופס ---

ער האט זיך אויפגעוועקט. די פייף איז שטערקער ווי די סירענע? אפשר ביי אים אין מוח. ער האט געגעבן אן עפן דעם לעדל.

"שמעון, ס'איז שבת!" איך האב געגעבן א קוויטש. וואלווי און סימי האבן געקוקט צו מיר דערשראקן. דא און דארט מאכט זיך אז איך זאג עס פאר זיי.

אבער נישט פאר טאטי, און זיכער נישט מיט אזא קוויטש.

שמעון האט געקוקט צו מיר מיט א קליין בליק, אנגעפילט מיט צווייפל און שרעק.

"ס'איז שבת," האב איך אים געזאגט דאס מאל מיט א טרערן געשטיקטע שטימע. "ענטפער זיי נישט. דו טארסט נישט."

ער האט געביסן די ליפן און נאכאמאל געקוקט אויף מיר, אבער גלייך אוועקגענומען די אויגן און זיי אראפגעלאזט צום לעדל.

און עס ארויסגעצויגן.

די פארבינדונגס-מאשין.

אין שבת.

"העלא?"

ער האט עס געענטפערט.

איך האב געוואלט שרייען, איך האב געוואלט קאכן.

וואלווי האט אריינגעשטיפט זיין האנט אין מיינע. איך האב געבליקט צו אים. זיין פנים איז געווען ווייס ווי קאלך. ער האט געקוקט אויף זיין טאטן וואס רעדט אום שבת אין טעלעפאן. איך האב געזען אויף אים אז זיין גאנצע וועלט ווערט דא חרוב.

איך האב געוואלט נעמען שמעון, אים אויפטרייסלען, אים רודערן. ער האט אבער גערעדט. מיט אן אינטערטעניגן טאן. קיינמאל האב איך אים נישט געזען אזוי אונטערגעווארפן אונטער א מענטש, ווי גלייך ער איז גארנישט, ווי גלייך ער האט נישט קיין שום אייגענע דעה אדער רצון. וואס טוט זיך דא? וויאזוי האט דאס מיליטער מצליח געווען?

ער האט אראפגעלייגט די פארבינדונג-מאשין אויפן שאפע. איך האב געעפנט מיין מויל, נישט וויסנדיג וואס צו זאגן פריער. איך האב נישט געוואוסט וויאזוי מען איז מוחה --- קעגן אן אייגענעם מאן, קעגן דעם אייגענעם טאטע פון דיינע קינדער. זאל איך אים אפשר שרייען "שבת"?

איך האב אנגעהויבן וויינען. א שטורעמיש געוויין. סימי און וואלווי זענען ארויסגעלאפן פון צימער.

נאך א סירענע האט זיך געהערט אין די גאנצע שטוב. זיי זענען נישט געקומען צו מיר. ווייזט אויס אז זיי האבן מער מורא פון די אינערליכע מלחמה ווי פון די אויסערליכע ---

און שמעון? ער --- ער האט זיך נישט אויסגעדרייט צו מיר, נישט געהערט מיין געוויין. ער האט זיך פשוט. אנגעטון.

זיינע קליידער.

א ווייסע העמד. קורצע הויזן. ווייסע זאקן. פערטל שיך. בעקיטשע.







ער גייט דאוונען? אפשר וויל ער תשובה טון אויף זיין געפערליכע עבירה? ער איז אנגעטון, ער נעמט --- די פארבינדונג-מאשין אין האנט. שומו שמים! מיט דעם גייט ער אין שול?

"איך פאר צו מיין ארבעט."

"ש --- ב---ת!" האב איך געשריגן אינמיטן מיין שרעקליכן געוויין.

"איך מוז פארן, די קאר ווארט מיר שוין אינטן."

"אבער ס'איז שבת, שמעון!"

באשעפער? וויאזוי קען עס זיין?

וויאזוי איז מעגליך אז מיין מאן, וואס האט דורכגעקוקט יעדע שאלה פון בורר אדער ספק בישול אין עטליכע ספרים, נעמט א מאשין און וויל פארן אום שבת?

"אבער מיין אפיציר האט געהייסן."

ער האט גערעדט מיט א תמימות וואס איך האב נישט געקענט. א ביטול וואס איך האב נישט געוואוסט פון וואו ס'קומט.

"אבער ---"

איך האב שוין נישט געהאט צו וועמען צו רעדן. ער איז שוין געווען אינדרויסן פון טיר.

וואלווי --- ער איז געזעצן נעבן פענסטער. ער האט אים געזען ארייינגיין אין א קאר. שבת. "פארוואס? טאטי איז א גוי?" איז ער מיר געקומען פרעגן מיט ריינע, בלויע, לויטערע אויגן.

"חס ושלום!"

"אבער נאר גוים פארן שבת," ער האט געקלאפט מיט זיין פיס.

"איך --- יא, אבער --- טאטי, עססס..." ביי וועלכע חינוך-שיעור אין די וועלט קען מען הערן וואס מען ענטפערט אויף אזא שאלה? אה?

"איך וויל נישט האבן א טאטע א גוי! איך וויל נישט!" וואלווי האט געשטויסן מיט זיין פיס.

פון אינדרויסן האט זיך געהערט נאך א סירענע. קיינער פון אונז האט שוין נישט מורא געהאט פון דעם. מיר האבן געציטערט פון אסאך ערגערע זאכן ---

*

# א יום טוב געדייקט אין טרערן

"טוווווו."

שמעון האט אפגעלאזט די קעז, ס'האט געגעבן א שפריץ. ער איז געלאפן ארויס פון קאך צו זיין פארבינדונג-מאשין. איך האב גארנישט געזאגט. וואס האב איך צו זאגן ווען אפילו שרייען העלפט נישט? געענדיגט. מיין מאנ'ס ערשטע פלאץ איז שוין נישט צו זיין דער טאטע דא אין שטוב. זיין ערשטער תפקיד איז דינען אין מיליטער.

פסח איז ער נישט געווען אינדערהיים. איך ווייס נאך ביז יעצט נישט וואו ער איז געווען. ביים סדר בין איך געווען ביי מיינע עלטערן, אליין. זיי פארשטייען אז עפעס געפערליך קומט פאר.

איך וויל זיי נישט זאגן וואס --- ס'איז ערגער פון אלעם וואס זיי מיינען. ס'איז אזוי געפערליך, אז איך האב מורא אז מיין טאטע וועט עס נישט איבערלעבן.

היינט אבער, ערב שבועות, האט זיך יא עפעס אנגעצינדן אין אים – א דינער ליכט, א פיצי שטראל. ער האט מיר געוואלט העלפן ארייינברענגען דעם יום טוב און עס פראווען מיט א געשמאק.

פלוצלינג קומט ער צוריק צום טיר מיט א גרויסע טאש אויף זיין אקסל.

"איך גיי."

"צו וואו, שמעון?" איך האב זיך געשטעלט אין פארנט פון אים, פארוויטאגט. "האסט מיר געזאגט אז שבועות גייסטו זיין אינדערהיים."

"איך האב געזאגט? ווער בין איך? מיין אפיציר האט מיר גערופן."

"שמעון! שמעון!" איך האב געוואלט אויפרודערן א וועלט. קוק ווי ער רעדט פון זיין אפיציר. זיינע הענט טרייסלען ווען ער דערמאנט זיין נאמען. נישט נאר פון פחד --- ער גייט אים פשוט נאך ווי א בלינדע שעפעלע. ער וויל אים געפעלן, ער וויל אים צופרידן שטעלן.

"איך מוז גיין," ער האט ארייינגערוקט זיין האנט צום הענטל. איך האב זיך געמוזט אוועקרוקן, אויפגעבן.

מיין לעבן איז שוין סייווי פארביי. מיר האבן פארלוירן אונזער גאנצע שיינע פארבינדונג. מיר זעען זיך נישט, מיר רעדן נישט. און אים --- איך זע אויף אים אז ס'איז אים ביטער. שלעכט. גאל. זיין פנים איז איינגעפאלן. ס'איז גארנישט געבליבן אין אים – נישט קיין חיות, נישט קיין מוט, און נישט קיין געפילן. נאר אן אפיציר וואס מען לויפט נאך בלינדערהייט, אן טראכטן, אן נוצן דעם אייגענעם קאפ.

די קעז איז געבליבן אויפן קאונטער, די פיש איז נישט געבאקן געווארן. די חלות זענען געווען געקויפטע, און מיט דעם איז ארייינגעקומען דער יום טוב שבועות ביי אונז אינדערהיים. איך האב געלייגט שלאפן וואלווי און סימי ביים זמן, ווי גלייך עס וואלט געווען א וואכן טאג. איך קען שוין נישט אויסהאלטן זייערע פראגן.

איך קען שוין נישט דינען סיי אלס מאמע און סיי אלס טאטע, זיכער נישט שבועות. בעסער זאלן זיי שלאפן און שוין.

איך האב אויך געוואלט שלאפן. איך בין ארייין אין בעט. אבער וואס מער איך האב געוואלט שלאפן, אלץ מער איז עס אנטלאפן פון מיר.

איך האב געהערט זינגען אינדרויסן.

איך בין געווארן הונגעריג.

איך האב געמאכט קידוש און געגעסן אביסל חלה איינגעטינקען אין מיינע טרערן. איך בין געגאנגען צום טונקעלן פענסטער און ארויסגעקוקט. געזען האב איך יונגעלייט גיין זאגן תיקון. מיין הארץ איז צוריסן געווארן אין מיר, איך האב עס געפילט. פיזיש.

פון אונזער חתונה האט שמעון געמאכט א תענית דיבור שבועות ביינאכט. ער איז געגאנגען אין שול זאגן תיקון א גאנצע נאכט, און נאכדעם האט ער געדאווענט א פייערדיגע יום טוב'דיגע דאווענען.

און יעצט? וואו איז ער יעצט? אויף וועלכן פלאץ אין דער וועלט? וואס טוט ער דארטן? ער לערנט? ער שיסט? ער פארט? תיקון זאגט ער זיכער נישט.

איך בין געבליבן אויף א גאנצע נאכט, אבער נישט מיט תיקון, נאר מיט קינה. אפילו ס'איז שבועות און נישט תשעה באב. אויפמארגן איז מיין טאג געווען צודרייט. וואלווי און סימי האבן געמוטשעט, און איך האב נישט געהאט קיין כח צו קוקן אויף זיי. זיי זענען ארומגעלאפן ביי שכנים, ביי ליכטיגע שטיבער וואו עס איז דא א יום טוב, וואו עס איז דא א שבת. ביי שטיבער וואס מען האט נישט פארכאפט זייער אנלאנער, זייער טאטן.

ביינאכט האט מען געדארפט עסן נאך א סעודה. פון שבת.

דא האבן עס די קינדער שוין געפאדערט. איך האב ארויסגענומען טונא, געטיילט טשיפס.

און געוויינט. זיי האבן זיך שוין נישט דערשראקן. זיי זענען עס צופיל, עס איז שוין געווארן א שטייגער. נאכדעם האב איך זיי געלייגט שלאפן און איך בין ארייין אין מיין בעט. כ'האב געוואוסט וואס ס'קומט יעצט: נאך אן אנגעפילטע נאכט מיט קאשמארן און שרעק.

העי' ---

איינער שפארט אויף די טיר. א גנב? איך האב געציטערט אונטערן דעקע. א פרוי אליין מיט צוויי קליינע קינדער – גיי ווייס ווער עס קומט. דער גנב איז דא. ער קומט ארייין אין שלאפצימער.

ער --- וואס טוט ער? איין אויג איז ארויס פון אונטערן דעקע.










ס'איז שמעון. איך האב אראפגעווארפן די דעקע און זיך אויפגעשטעלט מיט די האנט אויפן הארצן. איך האב געוואלט אפאטעמען, אבער זעענדיג שמעון'ס אויגן, איז די לופט געבליבן שטעקן אין די לונגען.

ס'איז געווען מער שרעקעדיג ווי א גנב.

די שווארצע אויגן זענען געווען אנגעפילט מיט הויפענס ווייטאג, אן אקעאן פון צער.

"וואס טוט זיך מיט דיר, שמעון?" איך האב גערעדט איידל און ליבליך.

ער איז געגעבן א פאל אראפ אויף זיין בעט, די טאש נאך אלץ אויף זיין אקסל און זיינע שיך פול מיט בלאטע. פלוצלינג האב איך געהערט א געוויין.

אזא וואס איך האב נאכנישט געהערט אין מיין לעבן ארויסקומען פון אן ערוואקסענעם.

זיין גאנצער קערפער האט געטרייסלט, און די בעט האט זיך מיטגעשאקלט מיט אים.

איך האב זיך געזעצט אויף מיין בעט און מיטגעוויינט. אויף מיין שטוב וואס איז חרוב געווארן, אויף מיין לעבן וואס איז מער נישטא - נישט קיין עולם הזה און נישט קיין עולם הבא. אויף מיין מאן וואס זיצט קעגן מיר, אבער ער איז ערגעץ וואו פארלוירן געווארן, אפילו זיין קערפער איז דא.

# די ווידוי פון א הארץ וואס בלוטיגט

נאך א לאנגע, ענדלאזע שעה, האט ער זיך אויפגעשטעלט. ער האט געעפנט צו מיר רויטע, דורכגענעצטע אויגן, צוזאמען מיט זיין מויל וואס איז שוין פארשלאסן אזוי לאנג.

"דו ווייסט נישט וואס איך גיי אריבער," האט ער אנגעהויבן רעדן מיט א צוקריצטע שטימע. "דו ווייסט נישט וואס ס'טוט זיך דארט. איך זאג דיר, אז אויב מען וואלט געוויסט וואס ס'טוט זיך אין מיליטער, וואלט נישט אנגעגאנגען ווייטער אזא שיינע, רואיגע חסידישע לעבן.

נאר אלע --- אלע וואס האבן אין זיך עפעס יראת שמים, וואלטן צוריסן זייער קליידער, זיך געזעצט שבעה, געזאגט קינות, און געוויינט, און געוויינט ---

אן אויפהער אויף אונזער חורבן. די חורבן וואס פאסירט היינט. יעצט.

"קוק אויף מיר," ער האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעכאפט זיין ווייסע, פארשמירטע העמד, "איך בין איינע פון די קרבנות.

איך כאפ אליין נישט וואס ס'טוט זיך מיט מיר. ס'איז שבועות, ס'איז שבת, און איך פאר, איך רעד אין טעלעפאן, איך ארבעט אויפן קאמפיוטער. איך ווייס נישט ווען דאס איז געשען, איך ווייס נישט ווען אלעס איז פארלוירן געווארן.

עס איז געשען אזוי צוביסלעך ---

אזוי שטאט.

אבער ס'איז געשען.

איך האב נישט געגלייבט אז די אלע לעקציעס אין וועלכע מען האט מיר געצווינגען צו זיצן וועלן עפעס טוישן אין מיר.

כ'האב געטראכט אז איך בין גענוג שטארק און גארנישט קען מיר נישט רירן.

און קוק --- איך בין געבליבן אן גארנישט."

זיין געוויין האט זיך באנייט, און דאס מאל האב איך נאך שטערקער מיטגעוויינט. די ווענט האבן מיטגעוויינט. די הימל וואס האט אריינגעקוקט פון פענסטער איז געווען שווארצער ווי אלעמאל. ס'איז געענדיגט. פאר אונז וועט די זון שוין קיינמאל נישט שיינען.

"מיין נפש איז צורודערט. איך ציטער פון מיין אפיציר און איך קען נישט עפענען די מויל קעגן זיי. איך בין געווארן ווי א ראבאט."

"כ'פארשטיי נישט." ס'איז ארויס פון די טיפענישן פון מיין נשמה די פראגע, "דו ביסט דאך אין די פרומע אפטיילונג פון מיליטער, אזוי האב איך פארשטאנען."

"וואס? נישטא ווער זאל לאכן." אפילו א שפור פון א שמייכל האט זיך נישט אנגעזען אויף זיין פנים.

"א שטאק אונטער אונז איז פרויען --- ביידע שטאקן, האבן איין עס-צימער."

בוווססססם ----

מיין מאן, וואס האט געהאט אזא שמירת עינים. ער עסט דריי מאלצייטן א טאג מיט פרויען ---- ניין. ניין. ניין. ניין!

"אלע מחיצות זענען געפאלן, ס'איז שוין גארנישט דא," האט ער ווייטער ארייגעשניטן מעסערס ביז די טיפענישן פון מיין הארץ.

"איז אנטלויף!"

כ'האב זיך אויפגעשטעלט. געוואלט גיין פארשפארן דעם טיר ער זאל נישט קענען צוריקגיין. און פארטיג.

"איך קען נישט." נאכאמאל יענע טרייסלעניש. "מען טאר נישט."

אזוי ווי עפעס א דריי-יעריג אינגל וואס האט א בלינדע צוטרוי אין זיין רבי'ן און פארשטייט אז

מען מוז אים פאלגן.

"וואס וועט געשען אויב דו וועסט נישט צוריקגיין?"

"איך וועל זיצן אין תפיסה."

"און? ס'שוין בעסער ווי אין מיליטער!"

"יא? און ס'וועלן אנקומען אהין בחורים, גבורי החיל, מען וועט זיי זינגען 'אשריכם תלמידי חכמים ---', און איך --- איך וועל דארט זיצן שוין נאכן זיין אין מיליטער. וואו וועל איך שטעלן מיינע אויגן?"

אויסער דעם, דו ווייסט וואס מיינט מיליטערישע תפיסה? דו ווילסט נישט וויסן. ס'איז שוידערליך און שרעקליך. נישטא קיין טאג און נישט קיין נאכט. אסאך וואס זענען אין מיליטער קומען אן אהין. ס'איז נישט אז מען זעצט דיר אין א קאמער און א גוטן טאג.

די אפיצירן דארט זענען הארט ווי שטיין; זיי שעלטן און שרייען, און דו מוזט זיך רירן פונקטליך וויאזוי זיי פאלט איין. אויב ביסטו א מינוט שפעטביים אויפשטיין אדער יעדע אנדערע זאך, באקומסטו א הארבע שטראף. דו ווערסט ווי א קליין קינד אן קיין אייגענעם רצון אדער דעה. קיינער הערט זיך נישט צו, צו דיר. דו מוזט פאלגן --- מען נעמט דיר צו יעדע פריוואטע חפץ. ביסט פשוט נישט קיין מענטש פאר זיך. די גאנצע מוט קומט אן אין דער ערד, און דאס איז נאך אויסער די פיזישע יסורים."

"נו, אין מיליטער איז דאך ממש די זעלבע זאך, אויב נישט ערגער." דאס אלעס וואס ער האט געזאגט, זע איך אז ס'געשעט אים שוין יעצט דארט.

"אפשר, אבער נאכדעם ווער איך נישט באפרייט. איך באקום נישט קיין פטור. איך דארף צוריקגיין. איז לאמיר ענדיגן די צוויי יאר און פארטיג."

טאקע פארטיג. נאך דריי-פערטל יאר איז שוין ניינציג פראצענט פון מיין מאן באגראבן. וואס וועט זיין נאך צוויי יאר? איין גרויסע "פארטיג".

"און שלומי? וואו איז שלומי? פארוואס האט ער דיר סתם איינגערעדט?"

"אה, מען באקומט געלט פאר יעדע קאפ וואס מען ברענגט. אסאך געלט."

"געלט? איך פארשטיי נישט, וואו איז זיין יראת שמים?"

"דארטן ווי ס'איז געגאנגען מיינע."

פון זיינע ווערטער האבן גערינען געדיכטע בלוט. איך האב געזען אז יעצט טוט אים עס נאך ווי, אבער ווי לאנג וועט עס אים נאך שטערן? הא?

"דו ווייסט נישט וואס ס'טוט זיך דארטן." האט ער געזאגט נאכאמאל מיט די קינה טאן. "יעדן טאג קומען אן נאך. און נאך. און נאך. איך זע זיי אריינקומען. מיט די וואלענע טלית קטן. מיט דעם פליסיגן אידיש, מיטן ריינעם חסידישן בליק, השקפה און לבוש. איך וויל שרייען, איך וויל זיי זאגן אז דאס אלעס גייט פארשווואונדן ווערן ביז א צוויי וואכן, אבער כ'האב נישט די כוחות. דו ווייסט אז דעם שבועות איז נאך איינער געקומען מיט זיין שטריימל? אזוי איז ער













די רייצנדע אדווערטייזמענטס וואס רופן דעם היימישן ציבור צו "פשוט'ע ארבעטס געלעגנהייטן" מיט א פינסטערע שלייער רח"ל

געפארן. מען האט געמאכט פון אים געבראטענע לעבער ביז ער האט עס ארויסגעווארפן פון פענסטער מיט א כעס. אבער די שטריימל. דאס איז נאך קליין געלט.

הונדערטער שניידן אפ די פיאות ---

הונדערטער. מעןווארפט אוועק די תפילין, שבת, אלעס."

"אבער וויאזוי קומען אן אהין אזויפיל פרומע?" די שאלה איז קוים אריבער די קנויל אין מיין האלז.

"וויאזוי? דו ווייסט וויפיל געלט זיי לייגן אריין אין דעם? די גאנצע מדינה צילט יעצט נאר דאס: אריינצודרייען די פרומע אין מיליטער און מיט דעם אראפווארפן אלע חומות צווישן די פרייע און די פרומע. און וואס זאל איך דיר זאגן," ער האט אויסגעשפרייט די הענט, "עס געלונגט זיי. איינער האט מיר דערציילט אז מען האט אים גערופן זאגן אז זיין טאטע וויל ער זאל זיך מאביליזירן. ער ציטערט פונעם געזעץ. זיי קומען פון אביסל א שוואכערע שטוב, און דער בחור האט פארשטאנען אז ער האט פארלוירן זיין טאטנ'ס רוקן. אליין האט ער נישט די כח צו קעמפן קעגן זיי, איז ער געגאנגען. זיין טאטע האט געוויינט צו אים מיט ווייטאג.

האט ער געפרעגט מיט נאך א טיפערע צער: 'דו האסט זיי דאך געזאגט אז דו ווילסט איך זאל גיין."

"איך? דו האסט זיי געזאגט אז דו ווילסט גיין און איך לאז נישט!"

ער איז שוין אבער געגאנגען. ער האט גע'חתמ'עט. און די צוטרוי צווישן אים און זיין טאטע איז שוין א פארגאנגענהייט. דו ווייסט אז אויך ביי מאן און ווייב מאכן זיי דאס? זיי קלינגען איר און זאגן אז ער וויל גיין, און אים זאגן זיי אז זי וויל.

שטובער ווערן חרוב, די צוטרוי גייט אין דער ערד. קיינער גלייבט שוין נישט קיינעם, און קרבנות פליען צו די שחיטה ---

און בכלל, אביסל שוואכערע בחורים וואס קומען אן אין תפיסה, קענען זיך איינס-צוויי ברעכן. זיי האבן חברים וואס רעדן זיי איין ארייננצוקומען אין מיליטער. ס'איז זיי צו שווער די פרעשור.

ליידער טוישן עס אסאך אויף, און ווען מען טוט עס שוין, האט מען ממש נישט קיין וועג צוריק. און ווארט, דאס איז אויסער דעם שיינעם שלייער פון 'קודקוד', זיי האבן נאך צענדליגער נעצן."

ער האט שוין נישט געוויינט. די טרערן האבן זיך נישט געענדיגט. ס'וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן.

ס'איז פשוט צופיל, און ס'גייט נישט אריבער פון א מענטשליכן האלז.

"אסאך מאל קוק איך זיך ארום און איך וויל פשוט שרייען --- וואס טוט זיך מיט אונז? אונז זענען משוגע געווארן? כ'זע זיך זיצן מיט חברים פון קהילה, מיט געוויסע פון משפחה, און וואו זיצן אונז?

איך וויל דיר נישט זאגן וואו, נישט וויאזוי, און נישט מיט וועמען. דו ביסט צו ריין און לויטער צו הערן אזעלכע זאכן. נאר דאס הערן, וועט דיר אראפנעמען פון זינען."

"איך בין שוין סייווי אראפ." אזוי האב איך געפילט.

"דו מיינסט אזוי." א פערטל ביטערן שמייכל.

"עס איז נישטא קיין ערגערע פלאץ אין דער וועלט ווי צה"ל. אלעס איז אונטערן שלייער פון מלחמה, אבער באמת איז עס די ערגסטע הפקירות אין דער וועלט. זאכן וואס אין אנדערע לענדער לאזט מען נישט טון געזעצליך, איז מען דא מעודד ----

און אונז --- חסידישע, ריינע, פאלן אריין אין דעם. און עס בלייבט גארנישט. נישט קיין חסידות, נישט קיין לויטערקייט. נישט קיין עולם הזה און נישט קיין עולם הבא."

א גאנצע נאכט האבן מיר גערעדט. וואס א שעה שפעטער האב איך פארשטאנען אז דער גרוב איז טיף, פשוט אן קיין ערד פון אונטן.

זיי ארבעטן אזוי קלוג, זיי האבן אידישע קעפ, און ס'איז שוידערליך וויפיל זיי זענען מצליח.

*

# איך גיי אין בית דין און פארטיג!

"שרי?" ענדליך האב איך פארשאפט איר נומער. איך האב נישט געגלייבט אז איך קלינג איר.

"מיט וועם רעד איך?" זי האט זיך געהערט פארלאשן, אן קיין צוטרוי.

"נחמי. מיין מאן איז שמעון."

"אה." שטיל.

"שרי --- איך --- מיר דארפן רעדן."

"גוט," זי האט זיך שנעל געבויגן, "ווילסט קומען צו מיר?"

"איך וויל."

איך האב גענומען איר אדרעס, און נאך יענע נאכט בין איך אריבער.

איר שטוב איז געווען האלב טונקל. ס'האט געשמעקט אין די לופט דעם באקאנטן גערוך. פון פייער. פון חורבן.

"וואס טוט מען, שרי?" האב איך גלייך אנגעהויבן. קאכעדיגע טרערן האבן געגאסן פון מיין פנים.

"איך ווייס נישט." זי האט נישט געוויינט. ס'האט אויסגעזען ווי זי האט שוין אויפגעגעבן, ווי זי האלט שוין לאחר יאוש. "איך וועל דיר זאגן דעם אמת," האט זי ענדליך געעפנט איר מויל, "איך גיי גיין אין בית דין, און פארטיג. געשלאסן."

ברררר ---

"האסט גארנישט פרובירט צו טון?"

"איך? איך האב פרובירט אלעס. איך בין אפילו אנגעקומען צו 'הצלה לאחים'. זיי האבן אויסגעהערט מיט ווייטאג אלעס וואס איך דערצייל. זיי קענען העלפן מיין מאן. זיי זענען פארבינדן מיט ריזיגע לויערס און זענען גרויסע מומחים וויאזוי צו האנדלען אין אלע סארט מצבים. אויב זיי לייגן זיך אריין אין דעם, באקומט ער א פטור, אפילו אין דעם מצב וואו ער שטייט יעצט. אסאך שווערערע קעיסעס האבן זיי שוין ארויסגעהאלפן."

"נו?"

"דער פראבלעם איז אז מיין מאן וויל נישט



קיין הילף. ער איז שוין געווארן איינס פון זיי." איר פנים איז געווען צום ריכטונג פון דער ערד.

"מיינסט עס ערנסט?"

"יא." זי האט זיך אראפגעזעצט. איך בין געבליבן שטיין. מיינע פיס זענען פאראליזירט. "איך ווייס נישט וואו דיין מאן האלט, אבער מיין מאן האט באקומען א פארשלאג ארויפצוגיין אין ראנג." דאס ווארט 'ארויפגיין' האט זי געזאגט ווי מען זאגט 'אראפגיין'.

"נו?"

"דו ווייסט וואס דאס מיינט? איין ראנג העכער פון א פשוטן סאלדאט דארף מען שוין חתמ'ענען אן אפיציעלן דאקומענט אז מען געבט אויף אויף דער גאנצער אידישקייט אן אן אויסנאם."

"און ער האט געחתמ'עט?" שומו שמים. כ'קען שלומי. ער האט אויסגעזען א תכשיט פון א יונגערמאן.

"ער האט געחתמ'עט. מיינסט אז ער איז דער איינציגסטער? ווען מען באקומט א געטריישאפט צו א פלאץ, וויל מען גיין העכער. עס איז זייער שווער זיך צו האלטן ביים אנפאנג, און פון וואו זאל ער נעמען די כוחות? ער האט שוין סייווי, סייווי און סייווי. די ליסטע איז לאנג. וועט ער שוין אויפגעבן אויף אלעס. און געשלאסן דעם געשעפט."

"איך קען נישט. גיי ווייס ווי מיין מאן האלט. ער האט שוין אויך סייווי ---- אפשר איז ער שוין אויך איינס פון זיי?

איך וויל נישט. איך וויל נישט אויפגעבן אויף שמעון! ער איז וואלווי'ס טאטע, ער איז סימי'ס טאטע, מיר לעבן שוין זעקס יאר צוזאמען."

"איך קען אויך נישט," יעצט זענען שוין געקומען טרערן אין אירע אויגן. "דו ווייסט ווי שווער ס'איז מיר דעם שריט? איך בלייב אליין. מיט דריי קינדער. אבער אויך אזוי בין איך שוין אליין. הלכה'דיג טאר איך שוין נישט וואוינען מיט אים. מען האט אים אוועקגעכאפט פון מיר. אן מיין ווילן. און מיינע קינדער --- זיי וועלן אייביג בלייבן מיט א טאטע א --- כ'וויל נישט זאגן וואס."

און איך וויל נישט טראכטן. איך קען נישט ----

איכה נחרב ---- וויאזוי ווערן חרוב אזעלכע זיידענע טייערע יונגעלייט? וויאזוי ווערן ארייגעשלעפט אזויפיל טויזנטער פרומע אידישע קינדער אין דעם פארפלייצונג? וויאזוי פאלן צוזאם אזויפיל טייערע אידישע שטובער?

וויאזוי נעמען געטרייע סאלדאטן פונעם באשעפער זייער גאנצע אידישקייט אוןווארפן עס אריין אין ים?

וואו ליגן די טויזנטער איבערגעלאזטע תפילין? ווער וועט טרייסטן די טויזנטער טליתים וואס קיינער נוצט שוין נישט? ווער וועט אפווישן די טרערן פון הייליגע לעכטיגע אידישע קינדערלעך וועמענ'ס טאטע האט זיי איבערגעלאזט און איז געגאנגען דינען אין אזא טריפה'נעם שרעקליכן מיליטער? ווער וועט זיי מאכן קידוש? ווער וועט אויסהערן זייערע פיר קשיות? ווער וועט ווייטער ציען די שלשלת הדורות?

ווער וועט אפווישן די ימען טרערן פון די לעבעדיגע אלמנות וואס קענען זיך מיט גארנישט טרייסטן? ווער וועט עפענען דאס מויל קעגן אלע צושאסענע עלטערן וואס זיצן שבעה נאך זייערע לעבעדיגע קינדער וואס זענען שוין געשטארבן?

צו וואו זענען געפלויגן די מיליאנען האר פון די פיאות און בערד? וועלכע פלאץ אין דער וועלט קען זיי האלטן אן פארברענט ווערן פון ווייטאג?

איייי -----

על אלה אני בוכיה, עיני עיני ירדה מים ---- עס קען אנפילן טייכן. ימען. פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך ---

ווער וועט אנפילן די ליידיג-געווארענע פלעצער אין די שולן? ווער וועט קושן די תורה אנשטאט זיי?

ווער? ווער קען טרייסטן דעם בורא עולם וואס זיצט און קען זיך בשום אופן נישט טרייסטן אויף דעם שרעקליכן חורבן וואס ווערט וואס א טאג ערגער? און ווער מאכט דעם חורבן? זיינע אייגענע קינדער קעגן זיינע אייגענע. און אלע פאלן צוזאמען.

אוי ----- מען קען זיך נישט פארשטעלן דעם צער השכינה. מען קען זיך נישט פארשטעלן זיין ווייטאג ווען אויף דעם פלאץ וואו עס שטייט דער כותל המערבי קומען זיי אלע, די אראפגעפאלענע. זיי קומען און שווערן קעגן אים, שווערן געטרייישאפט צו דער עבודה זרה אליין, און שטעכן אריין א מעסער אין דעם בורא עולם.

ביי דעם הייליגסטן פלאץ אין דער וועלט פלאטערט א בלוי-ווייסע פאן, א פאן פון מרידה במלכות שמים, העמידו צלם בהיכל. וויאזוי קען די זון שיינען איבער דעם? וויאזוי וואגט זי זיך צו באלייכטן אזא שוידערליכע סצענע?

וויאזוי קענען מיר דאס צוקוקן? וויאזוי קענען מיר ממשיך זיין צו לעבן ווען ביי אונז, אין אונזער דור, געשעען אזעלכע שרעקליכע זאכן, ערגער ווי אין די נידריגסטע צייטן פון כלל ישראל?

וויאזוי?????????

מיר קענען שוין נישט -----

טא----טע ---- טא--ט-ע!

אויב דו וועסט נישט שיקן יעצט משיח, ועמען וועסטו האבן אויסצולייזן? וועמען?

השיבנו ד' אליך ונשובה, חדש ימינו כקדם.







# מחאה אדירה - תלמידי 'בנין אברהם יאקאבאוויטש' - כיתות ה' ו'

בראשות הרב מרדכי גליק שליט"א, סגן מנהל




ספעציעלע טראק פאר בימת הכבוד ביים מחאה אדירה אויף פארט-ווארט גאס. סגן מנהל טרעט אויף מיט פייערדיגע דברי מחאה




טראקטאר באלאגערט דורך ילדי המוחים געגוי וואו אונזערע ברודער אין ארה"ק אפצוהאלטן חיטוטי שכבי




גאסן אין קרית יואל אפגעשלאסן פאר פארקער ביים מחאה נגד גזירת על הדת







היימיש ערצייגטע שילדן דורך תלמידי סאטמאר מיט זייער אינערליכע אויפברויז - מערקט טאוול פון לעצטן אפגעהאלטענעם פראטעסט אין מאנהעטן

# מחאה אדירה - תלמידי 'בנין אברהם יאקאבאוויטש' - כיתות ה' ו'

## בראשות הרב מרדכי גליק שליט"א, סגן מנהל




אוהבי ה' שנאו רע: תלמידי מוסדות קרית יואל מיטן זעלבו פלאקער און פייער וואס רביה"ק זי"ע האט אונז מגדל געווען אלע יארן קעגן די רשעי ישראל אן קיין געקונצעלטע פשרות און פשרי פשרות



על אלה אני בוכי׳ - עיני יורדה מים



הרבני הנגיד מו״ה עזריאל מרדכי יאזשעף הי״ו מגדולי עסקני יהדות החרדית ביים כאפן
א שמועס מיט א בחור אין די אפיסעס פון קרן ויואל משה ביי א באזוך אין ארה״ק



תלמידי חכמים מרבים שלום בעיר: הגה״צ אבד״ק ור״מ שליט״א אויפן פני המזרח
אינאיינעם מיט הגאון הגדול הדומ״ץ בעל אגלי דבש שליט״א ביי א מסיבה לטובת
מוסדות רמ״א בית שמש בבית הרבני הנגיד ר׳ שאול פערלמוטער שליט״א

# ריזן ציבור משתתפים - דינער 'בוני המבצר' לטובת 'ועד אסירי ציון'

## צו פינאנצירן פעולות חובקות לטובת אסירי כלל מערכות הקודש



פרעכטיגע דעקארירט אריינגאנג צום זאל צו באפעסטיגן 'וועד אסירי ציון' דער רוקנביין פון יהדות החרדית אין ארה"ק



דער ציבור שטראמט צום מעמד



אלע פעולות חובקות, אינעם מלחמה האדירה וואס ווערט געפירט דורכ'ן וועד עפ"י הוראות גדולי ישראל שליט"א וועלכע שטייען אונטער יעדע באשלוס



עלי מחץ ורוב מכות



פילצאליגע שטרי שותפות אונטערגעשריבן למען חיזוק המערכה על משמר יהדות החרדית בארה"ק



דער ציבור האלפים אין איבערגעפילטן זאל ביים צענטראלן אויפטריט פון הרב שמואל ווייספיש שליט"א גענעראל אויפן פראנט יו"ר וועד אסירי ציון



"כמו-תפיסה" מיט אסירי ציון הינטערן בימת הכבוד און נאך יעדן סכום
קבלות פון א האלב מיליאן שקל איז איין אסיר ארויס פון תפיסה.
ביז ענדע נאכט זענען אלע אסירים באפרייט געווארן אויף בעיל...




דרשה נלהבה פון הרב עמרם טייטלבוים שליט"א במעמד
קהל רב לחזק ברכיים כושלות שלא כרעו לבעל